**גוט שבת אלע אידן.** לעצטע וואך האבן מיר דערציילט די אנהייב פונעם מוראדיגען מעשה פון רב גרויסמאן מיט דעם בעל תשובה הערשל. אזוי ווי מען האט דערמאנט לעצטע וואך, דער מעשה פון הערשל'ס ווערן א בעל תשובה איז נישט געווען אזוי פשוט, ווייל כאטש אפילו אז זיין עלטערן זענען געווען אידן, האבן זיי רח"ל זיך געשמדט, און זיין טאטע איז אפילו געווען א גלח!

בקיצור, מען האט געענדיגט לעצטע וואך מיטן דערציילן ווי הערשל איז ב"ה געווארן א חתן און ער האט גערעדט מיט רב גרויסמאן וועגן די חתונה פלענער. רב גרויסמאן האט געזאגט צו הערשל אז ער מעג רופן זיינע עלטערן צו דער חתונה אבער זיי טארן זיך נישט משתתף זיין אלס שושבינים ביי דער חופה. הערשל'ס טאטע דער גלח האט זיך אויפגערעגט אויף רב גרויסמאן און ער האט אים גערופן אויפן טעלעפאן, "דו קענסט נישט אוועקנעמען אונזער זון!"

רב גרויסמאן האט אים געענטפערט אז דורך דעם וואס הערשל איז געווארן א בעל תשובה איז ער גראדע צוריקגעגאנגען צו זיינע ווארצלען. ווייל הערשל'ס זיידעס זענען פרום געווען. הערשל'ס טאטע האט ווייטער געזאגט אז ער וועט נישט באצאלן גארנישט פאר די חתונה. "דאס איז נישט קיין פראבלעם..." האט רב גרויסמאן געזאגט רואיגערהייט. "זארג זיך נישט. איך גיי אלעס אליינס באצאלן. אפילו אזוי, איר מעגט אבער אוודאי קומען, אלס מיינע געסט."

הערשל'ס עלטערן זענען טאקע געקומען צו דער חתונה. זיי זענען געבליבן אין די "בעק" ביי די חופה, און זיי האבן זיך בכלל נישט מיטגעטיילט. דער גלח נעבאך מיט זיין פרוי האבן אנגעקוקט צו זען ווי זייער זון האט חתונה געהאט כדת משה וישראל.

נאך די חתונה, האבן הערשל מיט זיין בני בית אפגעמאכט אז זיי ווילן אריינגיין אין קירוב רחוקים. זיי זענען געגאנגען וואוינען אין א קליינע קהילה ערגעץ אין אמעריקע. דארט האט הערשל מסדר געווען א קבועתדיגע מנין פון די קליינע צאל אידן אין יענע פלאץ.

אפאר יאר שפעטער, ווען זיי האבן ב"ה זוכה געווען צו האבן זייער ערשטע קינד, זענען זיי געגאנגען וואוינען אין א שטיקל גרעסערע קהילה, וואו זיי האבן ווייטער פארשפרייט אידישקייט. הערשל'ס רביצן האט אפילו געעפענט אין יענע שטאט א מיידל סקול, וואס דורך דעם האט זי געקענט מחזק זיין אסאך אידישע טעכטער און זייערע משפחות.

נאך אפאר יאר, האט הערשל מיט זיין בני משפחה זיך מיישב געווען אז זיי גיין וואוינען אין ארץ ישראל. אפאר חדשים נאכדעם וואס זיי זענען געגאנגען וואוינען אין דעם הייליגען לאנד, האט הערשל'ס טאטע גערופן רב גרויסמאן נאכאמאל און אים אנגעשריגן אז ער האט באגנבעט זייער קינד. רב גרויסמאן האט גערעדט מיט דעם משומד אויף א שיינע אופן. דורך דעם איז הערשל'ס טאטע צוביסלעך בארוהיגט געווארן. אזוי ווי עס שטייט אין משלי, "מענה רך ישיב חמה" – א ווייכע ענטפער בארוהיגט כעס. "...און דו קענסט אויך מקבל זיין די הערליכע שיינע מתנה וואס דער אייבערשטער האט געגעבן צו יעדען אידן!" רב גרויסמאן האט אראפגעלייגט דעם טעלעפאן האפענדיג אז זיינע ווערטער וואלטן האבן דעם ריכטיגען אפעקט.

צוויי יאר זענען פארבייגעגאנגען. הערשל'ס מאמע איז נעבאך געווארן שטארק נישט געזונט און נישט לאנג דערנאך איז זי אוועק. דעם טאג וואס די מאמע איז אוועק האט רב גרויסמאן אויפגעהויבן דעם טעלעפאן צו הערן ווי הערשל'ס טאטע האט געציטערט. "ראביי," האט הערשל'ס טאטע געזאגט, "מיין פרוי... פאר זי איז נפטר געווען, האט זי געזאגט אז זי האט חרטה אז זי האט זיך געשמדט. זי האט נישט געוואלט אז מען זאל איר לייגן אין דעם בית הקברות פון דעם קלויסטער. אבער..." ער האט שוין נישט געקענט רעדן פון גרויס התרגשות. רב גרויסמאן האט אים געזאגט, "ס'איז אלעס בסדר. דו קענסט קויפן פאר איר א חלקה אין א אידישע בית החיים. קיינער וועט נישט פרעגן קיין קשיות."

"איך וויל נישט נארן קיינעם! זי האט דאך געלעבט כמעט איר גאנצע לעבן ווי א גויטע! (רח"ל)"

"זארג זיך נישט, זי האט דאך תשובה געטון!" האט רב גרויסמאן אים געזאגט אים פרובירנדיג צו טרייסטן. "זי איז געבוירן א איד, זי איז געשטארבען א איד, באגראב איר על פי הלכה!" האט רב גרויסמאן געזאגט צו דעם אידישן גלח.

פון דעמאלט אן פלעגט הערשל'ס טאטע רופן רב גרויסמאן פאר חיזוק. רב גרויסמאן האט אים זייער שטארק מחזק געווען, ווייל ער האט געזען אז דער איד איז זייער צובראכען. איין זונטאג ווען דער אידישן גלח האט געהאלטן אין מיטן זיין "דרשה" להבדיל אין דעם תפלה, האט ער געזאגט זאכן צו דעם פארזאמעלטען עולם וואס זיי האבן קיינמאל נישט געהערט אין זייער לעבן. ער האט אנגעהויבן צו רעדן קעגען יענע רעליגיע. בעפאר דעם זעלבן טאג האט זיך געענדיגט, איז ער טאקע אפגעזאגט געווארן פונעם ארבעט. דעמאלט איז ער געווען אינגאנצן אליינס אויפן וועלט. ער האט נישט געהאט קיין פרוי, נישט קיין ארבעט, און זיין זון און משפחה האבן געוואוינט אויף דעם אנדערען זייט פונעם ים.

הערשל'ס טאטע, דער געוועזענער גלח איז געפארן קיין ארץ ישראל. דארט האט זיין זון אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד און ליבשאפט. דער צובראכענער איד איז זייער נתפעל געווארן, ווייל ער האט געמיינט אז זיין זון וועט אים קיינמאל נישט אריינלאזן אין זיין לעבן. באלד דערנאך איז דער איד געווארן אן עכטער בעל תשובה. ער האט געלעבט די לעצטע צען יאר פון זיין לעבן בשלום, אלץ פרומער תורהדיגער איד אין ארץ ישראל. קיינער וואס האט אים געזען האט זיך געקענט פארגעשטעלט אז דער עלטער איד וואס איז געשטאנען אין שול אריינגעטון אין זיין דאווענען, האט פאר יארן לאנג געלעבט אלץ גלח!

זאגט דער הייליגער רמב"ם, "התשובה מכפרת על כל העבירות, אפילו רשע כל ימיו ועשה תשובה באחרונה אין מזכירין לו שום דבר מרשעו" (הלכות תשובה א,ג) תשובה האט א כח צו מכפר זיין אויף אלע עבירות. אפילו איינער וואס איז געווען א רשע זיין גאנצע לעבן, אבער ער האט תשובה געטון אין זיינע לעצטע טעג אויפן וועלט, וועט נישט דערמאנט ווערן אין בית דין של מעלה גאר נישט קיין שלעכטס וואס ער האט געטון און זיין לעבן. וויבאלד אז דער אידישן גלח האט תשובה געטון, האט מען גאר נישט דערמאנט פון זיין ריבוי עבירות. "יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה. מכל חיי העולם הבא." די כח פון תשובה איז מוראדיג! יעדער איינער זאל אריינכאפן. **גוט שבת אלע אידן.**

לע"נ ר' אברהם בן ר' ליפא ע"ה ט"ז אלול תשכ"ח
מזל טוב למוה"ר עקיבא טויב הי"ו לרגל שמחת הבר מצוה של בנו בנימין זאב נ"י • מזל טוב למוה"ר שלמה אהרן הרצל הי"ו לרגל שמחת נישואי בנו דוד בשעטומ"צ
מזל טוב למוה"ר אהרן דוד סורקיס הי"ו לרגל שמחת נישואי בנו משה ני"ו בשעטומ"צ
לע"נ מרים בן ר' אברהם משה ע"ה • לע"נ ר' פייוועל בן ר' אפרים ע"ה
נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, יהודה בן אסתר, משה דוד בן מרים בתשח"י
לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)
**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**